## דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א
## א לעכטיגן גוט מארגן א שלח כב סיון תשפו
## קול פנים מאירות 845-414-0076

### באגריסונג און חיות פארן נייעם טאג

א גוט מארגן, זונטאג פרשת שלח, כ״ב סיון תשפ״ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן וואך; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע אידישע קינדער, ברוך הוי׳ ברוך הוא. כ״ב איז ״בך יברך ישראל״, עס איז א געבענטשטער טאג. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין צו אנערקענען אין דעם ״זה היום עשה ה׳״, אז דעם היינטיגן טאג האט דער הייליגער באשעפער געמאכט. ממילא, וואס עס וועט נאר זיין, וואו עס וועט זיין, און וויאזוי עס וועט זיין, גייען מיר מקיים זיין דעם ״נגילה ונשמחה בו״. מיר גייען זיך באמת פרייען מיטן הייליגן באשעפער, ווייל ״זה היום עשה ה׳״, ווייל דעם טאג מאכט דער אייבערשטער. ״מודה אני לפניך״, איך דאנק דעם הייליגן באשעפער מיט אלע מיינע ״אני׳ס״, מיט מיין גאנצן ״איך״. מיין גאנצער ״איך״ איז גארנישט מיט גארנישט, בטל ומבוטל פארן הייליגן באשעפער. עס איז נאר דא ״מודה״, עס איז נאר דאנקען און זיך מכניע זיין צום הייליגן באשעפער.

### א פערזענליכע איינלאדענונג צום שמחת השבע ברכות

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, היינט ביינאכט קומט פאר א שבע ברכות פאר אונזער חשוב׳ן זון וואס האט חתונה געהאט פאריגע וואך. מיר בעטן פון אלע אידן וואס האבן זיך נישט געקענט משתתף זיין ביי די חתונה, און אויך פון די אלע אידן וואס האבן זיך יא משתתף געווען: ווער ס׳איז ביכולת און ווער ס׳קען זיך איבערשטרענגען, טוט אייך אן בגדי שבת, ״אנשים נשים וטף״, און קומט אריבער צו אונז אין ביהמ״ד אויף 76 Grove Street. מיר האבן צוגעגרייט א גרויסע סעודה. עס איז נישט געווען קיין צייט פערזענליך איינצולאדן יעדן איינעם, אבער איר זענט אלע פערזענליך געלאדנט צו קומען זיך וואשן, עסן די סעודה, מיטהאלטן די דרשות, די בדחנות, דאס זינגען און טאנצן, די אחדות, און דעם כבוד שמים פון פנים מאירות אשבש.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר בעטן פון יעדן איינעם: טוט אייך אן בגדי שבת און קומט אריבער. מיר גרייטן צו א סעודה כיד המלך. בעזרת השם, אכט דרייסיג וועלן מיר דאווענען מנחה, און תיכף דערנאך וועט מען אנפאנגען די סעודת מצוה, כדי מען זאל נישט דארפן ענדיגן צו שפעט און אידישע קינדער זאלן קענען אויפשטיין צופרי לעבודת הבורא.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואס נאך קען מען טון איינער פארן צווייטן מער ווי ״הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד״, צו זיצן אינאיינעם און זיך פרייען מיט׳ן אייבערשטן, מחזק זיין איינער דעם צווייטן, שמייכלען איינער צום צווייטן, ארויסברענגען דעם כבוד שמים מיט שבח והודאה פארן בורא כל העולמים, און זינגען די אלע ניגוני שבח והודאה מיט ריקודים של מצוה.

און ס׳איז מובטח אז יעדער איינער וואס וועט קומען מיט שמחה, מיטהאלטן די סעודה, די טאנצן און די דרשות, וועט זיכער ארויסגיין אנגעפילט און אנגעשעפט מיט אמונה, שלום, בטחון און שמחה, מיט חיזוק צו קענען אריינגיין אין די זומער וואכן; וואס דאס זאל אנהאלטן בעזרת השם ובסיעתא דשמיא ביז די הייליגע טעג, און פון דאן און ווייטער לאורך ימים ושנים טובות, ביי אייך אלע אויף שמחות, אמן כן יהי רצון.

### א טיפער בליק אין פרשת שלח: העכער פונעם זמן און טבע

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, סאיז דא א געוואלדיגע ״שפת אמת״ אויף די וואכעדיגע פרשה. דער הייליגער שפת אמת פרעגט אזוי: לכאורה דארפן מיר פארשטיין, וויאזוי קומט יעצט אריין דאס גאנצע ענין פון שיקן די מרגלים? מיר געפינען דאך אין חז״ל עטליכע טעמים פארוואס דער רבונו של עולם האט געוואלט און בכוונה אויפגעהאלטן די אידישע קינדער אין מדבר פאר פערציג יאר. אויב אזוי, איז דאך אויסגעקומען אז סיי וויאזוי האבן די אידן געדארפט בלייבן אין מדבר פאר די קומענדיגע פערציג יאר; וואס איז דען געווען די תכלית פון שיקן די מרגלים יעצט, כאילו זיי גייען שוין אריינגיין אין ארץ ישראל? עס איז דאך לכאורה געווען א סיבה פארוואס מ׳האט געדארפט בלייבן פערציג יאר אין מדבר. עס שטייט אין קהלת, שלמה המלך זאגט: ״לכל זמן ועת״. עס איז דא אויף יעדע זאך א באשטימטע צייט, און עס איז געווען א באשטימטע צייט אנגעשריבן אויבן אין הימל, נאך משׁשת ימי בראשית, ווען אידישע קינדער וועלן אריינגיין אין ארץ ישראל.

אויף דעם ענטפערט דער הייליגער שפת אמת מורא׳דיגע ווערטער. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, הערט די ווערטער, ווייל דאס גייט אונז מחזק זיין און דאס גייען מיר מיטנעמען לאורך הדרך.

עס שטייט ״לכל זמן ועת״ וכו׳, אבער ״תחת השמים״ – אלעס איז אונטערן הימל, דא אויף די ערדישע וועלט. למעלה, העכער פון ״תחת השמים״, דארטן איז למעלה מן הזמן, למעלה מן הגבול. זאגט ער, אז די מדריגה פון די אידישע קינדער ווען זיי זענען געווען אין מדבר, איז געווען למעלה מן הזמן. זיי זענען געווען בכח אריינצוגיין אין ארץ ישראל נישט אין די באשטימטע צייט וואס איז געווען באשטימט מצד הטבע. זיי זענען געווען למעלה מן הזמן, העכער פון ״תחת השמים״, זיי זענען געווען אין גאר א העכערע מדריגה, און זיי האבן נישט געהאט קיין גבולים און קיין זמנים; זיי זענען נישט געווען באגרעניצט.

און דאס וואס די מרגלים האבן פארשטאנען בעצם, אז עס איז נאך נישט די צייט אריינצוגיין אין ארץ ישראל, שטימט טאקע בדרך הטבע. נאר וואס איז געווען זייער חטא? זיי האבן געדארפט גלייבן אינעם אייבערשטן און האבן אמונה פשוטה, אז אפילו מען האט נאך נישט געמאכט אלע תיקונים וואס מען דארף מאכן אינעם מדבר, און אפילו ארץ ישראל איז נאך פשוט נישט גרייט אריינצונעמען די אידישע קינדער. יהושע און כלב האבן אבער געזאגט: ״טובה הארץ מאד״, עס איז יא גרייט און עס איז יא גוט. וויאזוי? מען האט דאך בפועל געוואוסט אז נישט, און בטבע איז עס נישט געווען גרייט? נאר, ״כי אם חפץ בנו ה׳ והביא״ – ווייל אויב דער אייבערשטער וויל, דער רבונו של עולם וואס איז למעלה מן הזמן, למעלה מן הטבע, און העכער פון אלע באגרעניצונגען, קען ער אלס כל יכול אין איין סעקונדע געבן א הייב אויף און מאכן אז אלע תיקונים פונעם מדבר זאלן שוין זיין געשען, ארץ ישראל זאל שוין זיין גרייט, און מען זאל שוין קענען אריינגיין.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א שלח כב סיון תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-0076**

## אמונה פשוטה אלס א כח העכערן מזל

די אמונה פשוטה האבן די מרגלים נישט געהאט, דאס האבן זיי פארפאסט, וואס יהושע און כלב האבן יא געהאט. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אונזער אמונה פשוטה וואס מיר דארפן גלייבן, מיט דעם כח קענען מיר זיך האלטן אין דעם שווערן גלות. מיר זענען נישט אונטערן טבע, מיר האבן נישט קיין שייכות מיט׳ן טבע, מיר זענען למעלה מן הטבע. אלע פשטלעך וואס מען זאגט אונז, בין אדם למקום און בין אדם לחבירו, תכונת הנפש, תכונת הגוף, תכונת הנשמה, אלע שטודירטע פשטלעך, אלע מגושמ׳דיגע, הויות העולם׳דיגע, גשמיות׳דיגע און חומריות׳דיגע פשטלעך שטימען; אסאך מאל שטימט עס מורא׳דיג. עס שטימט אבער נישט באמת, ווייל מיר זענען למעלה מן הטבע. א איד האט אן אלוקי׳ נשמה שנתת בי טהורה היא, און דער הייליגער באשעפער איז דער ״כל יכול״. דורך אונזער אמונה פשוטה קענען מיר מאכן אז אלעס וואס מיר זענען אין טבע זאל אין איין סעקונדע פארענדיגט ווערן און נשתנה ווערן, און מיר זענען שוין גרייט אריבערצוגיין צו אן אנדער מצב, צו אן אנדער מדרגה.

צי א מענטש טרעפט זיך ארימערהייט, צי ער טרעפט זיך רייך, אדער ער געפינט זיך אין יסורים - וועלכע יסורים? אלע מיני יסורים, חלילה. ער טרעפט זיך אין יסורים פון עניות, אדער יסורים אויף זיין אייגן גוף, אדער אויף איינעם פון די בני המשפחה׳ס גוף, צי אויף די נשמות פון די משפחה, די אחדות המשפחה, דער שלום בית, פרנסה, שכנים, און יעדע מין זאך וואס עקזיסטירט נאר אויף דער וועלט ברוחניות ובגשמיות. ווען דו טרעפסט זיך אין א בדרך הטבע׳דיגן מצב - הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זיי מצמצם דעם מוח און זאג: ״אין עוד מלבדו, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים״. נאר דער אייבערשטער טוט, און דער אייבערשטער איז ביכולת דורך אמונה פשוטה אז אלעס וואס דארף געשען בדרך הטבע זאל יעצט פאסירן, דער תיקון זאל שוין ווערן געענדיגט, אלעס זאל זיך שוין איבערטוישן לטובה, און מ׳זאל זיך שוין טרעפן אין א צווייטן מזל און אין א צווייטן פלאץ וואס איז העכער ווי ״תחת כל השמים״.

אבער הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, צו דעם דארפן מיר האבן הכנעה וענווה צום רצון השם, זיך מבטל זיין צום רצון השם, און לעבן מיט די ריכטיגע אמונה. נישט קיין כעס, נישט קיין גאווה, נישט קיין קנאה, נישט קיין שנאה, נישט קיין מחלוקת, און נישט קיין אויפרעגעניש! הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ס׳איז א שווערע עבודה; אונזערע מחשבות זענען אנגעפילט מיט זיך אויפרעגן אויף מענטשן, און חלילה וחס מיר האבן מחשבות וואס זענען נישט קיין ברכות אויף מענטשן, נאר ח״ו פארקערט פון געבן א ברכה פאר א צווייטן. מיר האבן אין אונזערע מחשבות אזויפיל מאל דעם רצון צו זען א נקמה אין א צווייטן מענטש, חלילה. מיר ווילן זען אז יענער זאל צוריקציען, אדער אז יענער זאל אונז איבערבעטן. מיר ווילן, און מיר ווילן, און מיר ווילן.

הייליג אידיש קינד, איך וויל נישט גארנישט פון א בשר ודם, ווייל א בשר ודם איז נאר טבע. איך וויל נאר שעפן פונעם ״אלקי נשמה שנתת בי״. דורך דיין אמונה, דורך דיין שמחה, דורך דיין התגברות און דיין אתכפיא, דורך דיין בענקעניש צום אייבערשטן און דיין דביקות אינעם באשעפער — הייב זיך אונטער, הייב זיך אונטער, הייב זיך אונטער! דעמאלט וועסטו זיך טרעפן אין א נייעם פלאץ; דו וועסט זיך געפינען אין א פלאץ פון זיסקייט, פון לעכטיגקייט, און פון גליקליכקייט.

## די מעשה פונעם רידב״ז: ווען די נשמה שפירט נישט דאס גשמיות

לאמיך דיר דערציילן א הפלאדיגע מעשה. ס׳איז באקאנט אז דער רידב״ז האט געוואלט דרוקן זיין פירוש אויפן תלמוד ירושלמי, אבער היות ער האט נישט געהאט קיין געלט, איז ער ארויסגעפארן קיין אמעריקע צו זאמלען געלד. ער איז איינגעשטאנען ביי א איד, וואו די בעל הבית׳טע האט אים צוגעשטעלט צו עסן יעדן טאג און אים געגעבן א פלאץ צו שלאפן. א גאנצן טאג איז ער געזעסן און געלערנט און געשריבן זיינע חידושים. מ׳האט אויסגערופן אין שטאט די גדלות פונעם רידב״ז, זיין גאונות און זיין צדקות, און מענטשן זענען געקומען און אים געגעבן געלט; ער האט נישט געדארפט אליין ארומגיין קלאפן אויף די טירן.

איין טאג האט אים די בעל הבית׳טע געזאגט אז זי וועט נישט זיין אינדערהיים ווען ער וועט עסן נאכטמאל. זי האט אים מסביר געווען אז זי לאזט איבער דעם שליסל פונעם שטוב אין א געוויסן פלאץ ער זאל קענען אריינגיין אין קאך. זי האט אים געזאגט אז אויפן אויוון געפינט זיך א טאפ וואס אונטער דעם ברענט א קליינע פייער, כדי דאס עסן זאל זיך האלטן ווארעם און נישט אנגעברענט ווערן. אויפן טיש האט זי אים אנגעגרייט א טעלער מיט א לעפל, זאלץ און ברויט, און זי האט אויך צוגעגרייט צוויי מיני געקעכצן פאר אים. זי האט אים אלעס קלאר אנגעצייגט כדי ער זאל עס קענען נעמען.

דער רידב״ז האט זיך זייער באדאנקט, ״ברוך השם״, אז יעדן טאג האט ער געקענט זוכה זיין אז מען גרייט אים צו אלעס, האט ער זיך געפרייט. היינט נישט, וועט ער זיך אליין צוגרייטן, ס׳איז דאך נישט קיין גרויסע תורה. ער ענדיגט זיין לערנען, ער קומט ארויף, ער נעמט דעם שליסל און עפנט די טיר, און ער האט טאקע געטראפן אויפן טיש א טישטוך מיט זאלץ, ברויט, וואסער צו טרינקען מיט א גלעזל, אלעס אזוי ווי נארמאל. ער האט אויך געזען דארט א טעפל, אלעס קלאפט. ער האט זיך געוואשן, ער איז געגאנגען און גענומען דעם טאפ, אריינגעגאסן די זופ אין א טעלער מיט אלע צוגעהערן, אזוי ווי זי האט אים געזאגט אז עס זענען דא צוויי מיני מאכלים. ער האט געגעסן, זיך געוואשן מים אחרונים, געבענטשט, און געגאנגען ווייטער לערנען.

שפעטער ביינאכט, ווען די בעל הבית׳טע איז אהיימגעקומען, האט זי געזען אז דער רידב״ז איז נישט געקומען עסן. זי איז געווארן זייער ווי געטוהן, ווייל זי האט געזען אז ער האט נישט געוואלט אליין נעמען דאס עסן. עס האט איר באנג געטון אז אזא תלמיד חכם, אזא גאון און צדיק, האט נישט געגעסן נאר ווייל זי איז נישט געווען אינדערהיים. זי איז צוגעגאנגען צום רידב״ז און געזאגט אז זי וויל אים איבערבעטן, און זי האט געפרעגט פארוואס ער איז נישט געגאנגען עסן, ער האט דאך איר פריער געזאגט אז ער איז מסכים זי זאל ארויסגיין און ער וועט שוין אליין נעמען. האט דער רידב״ז געענטפערט: ״איך האב יא געגעסן! איך האב מיך געוואשן, איך האב געגעסן די זופ, עס איז געווען זייער געשמאק, יישר כח, אלעס האט געקלאפט, איך האב באקומען אלעס פונקט ווי מ׳האט אפגעשמועסט.״ זאגט אים די בעל הבית׳טע: ״דער טאפ שטייט דאך נאך אויפ׳ן פייער, און די צוויי מאכלים ליגן נאך דארט אינעווייניג, וואס פונקטליך האט איר גענומען?״ דער רידב״ז איז אריין געגאנגען מיט איר אין קיך און געוויזן: ״איך האב גענומען פון דעם טעפל דא.״ ווען די בעל הבית׳טע האט געזען וואס ער האט געגעסן, האט זי געמיינט אז זי חלשט אוועק.

## דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א
## א לעכטיגן גוט מארגן א שלח כב סיון תשפו
## קול פנים מאירות 845-414-0076

וואס איז געווען דער טאפ און דאס עסן וואס דער רידב״ז האט געגעסן? עס זענען געווען צוויי גוטע שמוציגע טעפ וואס עסן איז געווען אנגעקלעבט דערין; לאמיר זאגן עס איז געווען אנגעקלעבט, ווי מען זאגט, פון הארטע טשולנט וואס איז געווען אויף די ווענט. וויאזוי נעמט מען אראפ הארטע טשולנט פון א טאפ? מען ווייקט עס איין אין ווארעם וואסער, און עס ווייקט זיך ביז די אלע צוגעקלעבטע מאכלים וואס זענען פארקלעבט און פארעלטערט ווערן ווייך און קומען אראפ. דאס האט דער רידב״ז געגעסן — די וואסער מיט די שמוץ וואס איז ארויסגעקומען פון די ווענט פון די טעפ. לאמיר זאגן, פון אן אלטן טשולנט טאפ, דאס האט ער געגעסן מיט ברויט, און ער האט זיך באדאנקט פאר די פרוי: ״עס איז געווען א זייער זייער געשמאק און איינגענעמע נאכטמאל״.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אז מ׳ליגט אין תורה, אז מ׳ליגט אין עבודה, אז מ׳ליגט אין דביקות הבורא, שפירט מען א גוטן טעם אין אלעס; אפילו אין שמוציגע וואסער אדער אין צוגעקלעבטע עסן פון א טאפ וואס ווער ווייסט ווי אלט עס איז שוין, מאכט עס נישט אויס. איר ווייסט פארוואס, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? ווייל די וועלט איז נאר אן עולם הדמיון. די גאנצע הוויות העולם, די חומריות און די גשמיות, איז איין שטיק עולם הדמיון. דער רידב״ז האט אזוי ליב געהאט דעם אייבערשטן און אזוי ליב געהאט די תורה, ער איז געווען אזוי באהאפטן צום אייבערשטן און צו די תורה, ער איז געווען אזוי צוגעבונדן צו זיין נשמה הקדושה והטהורה והזכה, צום ענין פון ״ואתם הדבקים בה׳ אלוקיכם חיים כולכם היום״. דער עולם הזה האט ביי אים אזוי וויניג אויסגעמאכט, אז עס איז באמת נישט געווען קיין נפקא מינה צי ער עסט יעצט א געשמאקע פרישע זופ מיט פלייש און צו-שפייז, צי ער עסט יעצט פון אן אלטן טאפ מיט שמוציגע וואסער און שמוציגע עסן.

## דער נמשל: דביקות אינעם אייבערשטן נעמט אוועק די יסורים

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואס איז דער נמשל פאר אונז? אויב מיר שפירן אן אומבא׳טעמ׳טקייט, יסורים, ווייטאגן, כעס, אויפרעגעניש אדער מחלוקת; אויב מיר שפירן א שוואכקייט, אן אראפגעקלאפטקייט, א ייאוש און א פארוויסטאגטקייט אין אונזער גשמיות׳דיגע וועלט, איז עס א סימן אז עס פעלט אונז אונזער דביקות צום אייבערשטן און אונזער אנערקענונג אין אונזער געוואלדיגער דערהויבנקייט - ווער מיר זענען און וואס מיר זענען.

דער עולם הזה איז נישט ווערט קיין קרעכץ; די גאנצע וועלט איז נישט ווערט קיין קרעכץ. דער רידב״ז האט באמת געשפירט א גוטן טעם, ווייל דער אמת איז, אז די אלע עולם הזה׳דיגע טעמים זענען נאר כדי צו שפילן מיט אונזער יצר הרע, עס זענען נסיונות. וויבאלד ער איז ביי געשטאנען אינעם נסיון אז גשמיות מאכט ביי אים נישט קיין רושם, האט עס טאקע באמת נישט געמאכט קיין איינדרוק.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר קענען נעמען אלע אונזערע יסורים - יסורים מבית ומבחוץ, יסורים פון געזונט, פרנסה און נחת; אונזערע יסורים פון אמונה, שלום, בטחון און שמחה; אונזערע יסורים פון אונזערע קינדער, משפחה מיטגלידער, שכנים און חברים; אלע מיני יסורים, וואו מיר זענען נאר, ווען מיר זענען, און וויאזוי מיר זענען. אויב מיר לייגן זיך אריין, ווי דער שפת אמת זאגט, מיט אן אמונה פשוטה אז מיר זענען למעלה מן הטבע און אז אונזער גאנצער לעבן איז אמונה, דאס גיט אונז חיות. יעדע מינוט וואס מיר האלטן זיך בשמחה, יעדע מינוט וואס מיר זענען פרייליך און נאנט צום אייבערשטן, יעדע מינוט וואס מיר לעבן אין שלום און אין תורה, לעבן מיר מיט דעם גלויבן אז מיר זענען דא אויף דער וועלט דורכצומאכן די שווערסטע נסיונות. דאס גיט אונז אונזער רוחניות׳דיגן און גשמיות׳דיגן תענוג; דאס איז ״כי הם חיינו ואורך ימינו״.

## די עבודה פון פאזיטיווע מחשבות און א זאפטיג לעבן

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, איר ווייסט וואס עס טוט זיך? דאס לעבן איז זיס! וויאזוי מאכט מען דאס? מיר דארפן גלייבן אז מיר זענען דא כדי מקדש צו זיין כבוד שמים. טראכט נישט ביי יעדע זאך: ״וואס האט דאס מיט מיר, און מיט מיר, און מיט מיר?״ נאר טראכט ביי יעדע זאך: וואס האט עס מיט מיין עבודת השם? וואס האט עס מיט מיין פנים מאירות? מיט מיין אמונה, שלום, בטחון, שמחה? וואס האט עס מיט מיין עבודת השם און מיין דביקות בהשם? מיט מיין וואקסן און שטייגן? מיט מיין נאנטקייט צום אייבערשטן? מיט מיין כפרת עוונות און מחילת עוונות? מיט מיין מעגליכקייט צו קענען טראכטן פונעם אייבערשטן פיר און צוואנציג זיבן, און צו זען אין יעדע זאך וואס דער אייבערשטער ברענגט אויף אונז און טוט מיט אונז?

דער אייבערשטער וויל אונז נאר גוטס טון, ער טוט אונז נאר גוט, און עס איז באמת נאר דא גוט. ער וויל אונז אבער ברענגען נענטער צו זיך; יעדער איינער לויט זיין מדרגה, לויט זיין כח, לויט זיין מוח, און לויט זיין תפקיד און טאלאנטן — לויט דעם באקומט ער זיינע נסיונות. וואס איז אונזער ארבעט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? זיך צו שטארקן, דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, און זיך אפלאזן פון די וועלט.

איך וויל דיר געבן איין גוטע עצה: אויב דו ועסט אריבערטראכטן די לעצטע פינף חדשים, וואס איז געווען מער פראמינענט אין דיין לעבן? נעגאטיווע מחשבות אדער פאזיטיווע מחשבות? אויפגערעגטע מחשבות אדער פרייליכע מחשבות? מגושם׳דיגע מחשבות — וואס דו האסט געשפירט אז דו דארפסט און דו האסט נישט — אדער רוחניות׳דיגע מחשבות, אז ״איך האב אלעס, און אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט״? דו וועסט זען אז רוב צייט גייט ליידער אוועק מיט אומבא׳טעמ׳טקייט אין לעבן.

אבער ווען מ׳לעבט דאס העכערע לעבן, איז נישט נאר רוב צייט, נאר די גאנצע צייט — יעדע סעקונדע און טריליאנסטל פון א סעקונדע, און אוודאי א גאנצע מינוט, א גאנצע שעה, א גאנצע טאג, א גאנצע וואך און א גאנצע חודש — פשוט געשמאק. ס׳איז זאפטיג; מ׳לעבט אין טוב. מ׳לעבט אינעם ״טוב ה׳ לכל ורחמיו על כל מעשיו״, אין איין ווארט: מ׳ברענגט ארויס די זיסקייט, די לעכטיגקייט, די שיינקייט און די דערהויבנקייט פון אונזער לעבן. דער אייבערשטער געבט אונז די זכיה אז מיר זאלן עס מרגיש זיין, און נישט מתוך תאוות חומריות, נאר מתוך תורה, עבודה, מעשים טובים, התגברות און אתכפיא — מוח שליט על הלב. אה! אך טוב וחסד, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

און אין דעם גייען מיר יעצט אריינלייגן אונזערע כוחות, און אזוי וועלן מיר זיך גרייטן צו די זומערדיגע וואכן און צו די הייליגע טעג פון תמוז און אב, וואס מיר דארפן אזוי אויפהייבן. מ׳האלט שוין כמעט ביי דעם אז מ׳זאגט שוין ״הנשמה לך והגוף שלך, הנשמה לך והגוף פעלך״. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אך טוב וחסד, פועל׳ט אלע ישועות. לאמיר זיין בשמחה, לאמיר יעדן משמח זיין און א לעכטיגן תמיד אכי״ר

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב שלח כג סיון תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-0076**

## שבח והודאה אויף די גרויסע שמחה און די אחדות ביי די ״פנים מאירות״ אידן

א גוט מארגן! מאנטאג פרשת שלח, כ״ג סיון תשפ״ו. א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן גוט מארגן א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן טאג! און א פרייליכע, לעכטיגע און געבענטשטע תמיד. ״אודה ה׳ מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו״. הייליגער באשעפער, איך האב נישט קיין ווערטער; עס זענען נישטא קיין ווערטער ארויסצוגעבן די שבח והודאה פארן הייליגן באשעפער אויף דעם וואס מיר האבן זוכה געווען צו אזא שיינע שמחה. מער פון דעם דארפן מיר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מיר האבן די זכיה ארויסצוגעבן א הכרת הטוב פאר די אלע ״פנים מאירות״ אידן וואס האבן זיך משתתף געווען ברוב עם הדרת מלך. סיי די נאכט פון די חתונה, סיי דורכאויס שבת זענען געווען פנים מאירות אידן, און סיי נעכטן נאכט ביי די ״פנים מאירות״ שבע ברכות איז געווען א געוואלדיגע השתתפות פון פנים מאירות אידן, הפלא ופלא.

מען האט געזען די השראת השכינה, די אחדות, די אמונה, שלום, בטחון און שמחה, די ווארעמקייט, דאס זינגען אינאיינעם, און די שבח והודאה פארן אייבערשטן. עס גיט אזויפיל חיזוק און אזויפיל ענערגיע צו קענען גיין ווייטער. מיר זענען זיכער אז די אלע פנים מאירות אידן האבן אליין באקומען א געוואלדיגע חיזוק, שטארקייט, נאנטקייט צום אייבערשטן און שמחה, און האבן באקומען כוחות עצומות אנצוגיין ווייטער מיט די ״פנים מאירות״, מיט אמונה, שלום, בטחון און שמחה, מיט א שמחה מתוך שמחה.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אז אלע אידן זאלן זוכה זיין צו פראווען שמחות מתוך שמחה בשלימות מיט א שמחת הלב. דער אייבערשטער זאל העלפן, מיט שבח והודאה פארן אייבערשטן, מ׳זאל זוכה זיין צו זיווגים הגונים און זרע של קיימא. מ׳זאל האבן געפועלט אלעס גוטס. דער זכות זאל מגין זיין אויף יעדן איינעם מ׳זאל זוכה זיין צו א עת רצון און צו אלע ברכות. אלע ישועות פאר אלע אידן, מ׳זאל זיך קענען משתתף זיין אויף שמחות איינער ביים צווייטן.

**עס האט ביי אונז אויך ארויסגעברענגט אזא בענקעניש אז מ׳זאל זיך מער צוזאמקומען, אפילו אויף א קלענערן פארנעם, אויף שבתים יומא דפגרא׳ס, אדער סתם א ראש חודש אדער אנדערע טעג זאל מען זיך צוזאמנעמען. מ׳קען האבן עסקנים אין יעדע שטאט וואס זאלן צוזאמנעמען אפילו א קלענערן עולם, פופציג-זעכציג אידן; מ׳קומט זיך צוזאמען און מ׳פארברענגט מיט דברי תורה, מ׳שמועסט זיך אויס, מ׳שטארקט זיך און מ׳איז זיך מחזק, מ׳זינגט און מ׳עסט סעודות אינאיינעם. הלוואי וואלטן מיר דאס מער געקענט זוכה זיין צו האבן. עס האט געהאט אזוי פיל טעמים, אזא געשמאק און אזא דערהויבנקייט, מיט אזעלכע געגועים צום הייליגן באשעפער. הייליגע לעכטיגע קינדער, איר זאלט זען נאר טוב וחסד, הצלחה און סיעתא דשמיא.**

### א תורה׳דיג ווארט פונעם בדחן: וויאזוי אברים קענען דאנקען דעם באשעפער

ביי אונז איז אויך געווען א בדחן וואס קומט פון א משפחה פון די ״פנים מאירות״, דאכט זיך מיר זיין נאמען איז ר׳ משה יוסף מארקאוויטש. אויב איך געדענק גוט, האט ער געזאגט א הפלא׳דיג ווארט. ער איז בעצם געווען א תוכן׳דיגער, תורה׳דיגער בדחן, און דער עולם האט זייער הנאה געהאט פון זיין פארצייטישן נוסח; ער האט נישט גערעדט קיין נארישקייטן, נאר אלעס איז געווען פול מיט תוכן און זייער שיין, וואס מיר האבן שטארק הנאה געהאט. ס׳איז באמת געווען א שמחת חתן וכלה, ער האט אונטערגעהאלטן דעם עולם און אריינגעברענגט א שמחה אין דעם גאנצן ציבור הנאספים. ער האט דארט געזאגט א ווארט פאר די ״פנים מאירות״ אידן וואס מיר ווילן דא איבערזאגן, ווייל דאס איז א זייער טרעפליך ווארט וואס איז געווען ממש אין פלאץ.

מ׳זאגט ביי ״נשמת״ און מען רעכנט אויס: ״אילו פינו מלא שירה כים״, ״ולשוננו רנה כהמון גליו, ושפתותינו שבח כמרחבי רקיע, ועינינו מאירות כשמש וכירח, וידינו פרושות כנשרי שמים, ורגלינו קלות כאילות, אין אנו מספיקים להודות לך ה׳ אלקינו ואלקי אבותינו ולברך את שמך״. עס איז נישט מעגליך ארויסצוברענגען דורך אונזערע אברים דעם שבח והודאה וואס מ׳דארף געבן פאר׳ן אייבערשטן פאר די אלע נסים ונפלאות, טובות וברכות, און פאר די אלע גוטע זאכן וואס דער אייבערשטער גיט אונז. אבער שפעטער זאגט מען: ״על כן אברים שפלגת בנו, ורוח ונשמה שנפחת באפינו, ולשון אשר שמת בפינו, הן הן יודו ויברכו וישבחו״ – אז זיי גייען יא דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן. עס שווערט זיך דאך א קשיא, מ׳האט דאך יעצט געזאגט אז עס איז נישט מעגליך?

**האט ער געזאגט א זייער טרעפליך ווארט: ביי אונז דא אין ״פנים מאירות״ ארבעט מען אויף אמונה, שלום, בטחון און שמחה. די סופי אותיות פון אמונה, שלום, בטחון און שמחה איז ״הן הם״ (אמונה ענדיגט זיך מיט א ה׳, שלום ענדיגט זיך מיט א מ׳, בטחון ענדיגט זיך מיט א נ׳, און שמחה ענדיגט זיך מיט א ה׳). האט ער געזאגט, אז בעצם איז נישטא קיין מעגליכקייט – וויאזוי קענען די אברים פון א מענטש דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן? מיר האבן דאך**

## דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א

**א לעכטיגן גוט מארגן ב שלח כג סיון תשפו**

**קול פנים מאירות 845-414-0076**

**נישט די כוחות און די מוחות. אבער אז דער הייליגער באשעפער העלפט און מען איז זוכה צו לעבן מיט ״אשב״ש״ – אמונה, שלום, בטחון און שמחה – דאן זענען ״הן הם״ די אברים זענען זוכה אז ״יודו ויברכו וישבחו ויפארו וירוממו ויעריצו ויקדישו וימליכו את שמך מלכנו״.**

**דאס איז א זייער שיין און טרעפליך ווארט. מיר האבן אים זייער שטארק באדאנקט פאר דעם, און דאס דארף מען חזר׳ן: ״הן הן יודו ויברכו וישבחו״ – דאס קומט דורך אשב״ש: אמונה, שלום, בטחון און שמחה.**

### פרשת שלח: יעדער איד קען צוקומען צו די העכסטע מדרגות

רבי ייבי זאגט, אין די וואכעדיגע פרשה שטייט: ״איש אחד איש אחד למטה אבותיו תשלחו״. זאגט רבי ייבי, יעדער איד איז ראוי צו זיין א מיוחס שבישראל, יעדער איד איז ראוי צו זיין אן אויסנאמס איד. אין תנא דבי אליהו רבה (פרק כ״ג) שטייט אז יעדער איד דארף זאגן: ״מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי״ – ווען וועלן מיינע מעשים צוקומען צו די מעשים פון אונזערע עלטערן.

דער הייליגער רבי ייבי טייטשט עס אזוי: ״איש״ – יעדער מענטש קען זיין א מיוחס שבישראל, אן אויסנאם און אן אויסגעצייכנטער איד. ״למטות אבותיו תשלחו״ – יעדער קען זיין א הויפט פון זיין שבט, און יעדער קען שטיין אויף אזא מדרגה. ״כל״ – יעדער איד, ״נשיא בהם״ – קען זיין א נשיא און צוקומען צו די העכסטע מדרגות. ״וישלח אותם ממדבר פארן על פי ה׳״ – משה רבינו האט באוואפנט כלל ישראל מיט כלי זיין. וועלכע כלי זיין? ״פארן״, טייטשט ער, ״פארן על פי ה׳״ – דורך ארויסברענגען די שיינקייט פון די ״פי ה׳״, דאס מיינט תורה, תפילה, און זיין נאנט צום אייבערשטן. ״כלם אנשים״ – זיי קענען אלע ארויפגיין אויף די העכסטע מדרגה פון זיין א יחיד ומיוחד שבישראל.

איר הערט, הייליגע לעכטיגע קינדער? רבי ייבי זאגט בקדושתו ובטהרתו אז יעדער איד קען זיין א נשיא, יעדער איד קען זיין א דערהויבענער איד. **קיין איין איד זאל זיך נישט אראפקוקן, קיין איין איד זאל זיך נישט אוועקמאכן, קיין איין איד זאל זיך נישט צוקלאפן – נישט קיין חילוק ווען, וואס, אדער וואו.** דער אייבערשטער האט דיך ליב, דו האסט ליב דעם אייבערשטן, דו האסט ליב די תורה, און די תורה האט דיך ליב. דו ביסט א שטיק קדושה, דיין נשמה איז הייליג און ריין. מיר האבן זיך אליין ליב. איר ווייסט פארוואס איך האב מיך ליב? ווייל איך בין א נשמה קדושה וטהורה, ווייל איך בין א בן מלך און איך דארף ליב האבן דעהם בן מלך, ווייל איך דין דעם אייבערשטן און איך לעב מיט יראת השם; דערפאר האב איך מיך ליב. נישט ווייל איך עס און איך טרינק, אדער ווייל איך וויל נאכגעבן מיינע תאוות – דאס האב איך נישט ליב. דאס איז נישט מיין אהבה, דאס איז דער חלק וואס איך האב נישט ליב אין מיר. אבער מיין הארוואניע פון ״ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כולכם היום״, מיין מיה פון מוחל זיין און סולח זיין, ״ואהבת לרעך כמוך״, ״ואהבת את ה׳ אלקיך״ – דאס האב איך ליב אין מיר.

### מעשה נורא: די השגחה פרטית מיט א שידוך און א ארבעט

א פרוי האט פארציילט א הפלא׳דיגע מעשה: זי האט געלערנט אין הויך שולע, און זי האט געקענט מאכן האר פאר מיידלעך - זי האט עס זייער גוט געקענט - אבער עס האט איר נישט געגעבן קיין סיפוק אין לעבן. איז זי געגאנגען לערנען א פאך צו ארבעטן אין א געוויסן פלאץ וואו מען קען פארדינען אסאך געלט. עס האט אויך פארלאנגט אסאך חכמה און פארשטאנד, און עס איז געווען דארט א מעגליכקייט צו וואקסן און שטייגן, צו מאכן מער און מער געלט; וואס מער קאפ-ארבעט עס איז דא, אלס מער ברירות האט מען. זי האט טאקע געלערנט דעם פאך און באקומען די תעודה, גרייט אנצונעמען די ארבעט.

אבער דער הייליגער באשעפער האט אזוי צוגעפירט, אז קיינער האט איר נישט געוואלט אויפנעמען אין דעם פאך. עס איז פשוט נישט געווען ווער עס זאל איר נעמען. זי האט זיך געמאלדן דא, זי האט זיך געמאלדן דארט, זי איז געגאנגען זיך טרעפן מיט בעלי בתים, אבער קיינער האט איר נישט גענומען. פארשטייט זיך אז לכתחילה טוט דאס הארץ וויי. שפעטער האט זיך עס אויך אזוי געפירט אז זי איז געווארן עלטער, און זי האט נישט געהאט די ארבעט וואס זי וויל און אויך נישט דעם שידוך וואס זי זוכט. מען ווערט, ווי מען זאגט, אביסל צוקלאפט ביי זיך. מען ווערט פארוויטאגט, חס ושלום, דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

**״ותצילנו מכל גזירות קשות״ - מען זאגט נאך אז דער אמרי חיים האט געזאגט, אדער נאכגעזאגט פון פריערדיגע צדיקים: ״מכל גזירות קשות״ - ׳קשות׳ איז טייטש ׳קשיות׳. מיר בעטן דעם אייבערשטן ער זאל אונז ראטעווען פון די גזירה פון פרעגן קשיות.**

דאס מיידל האט זיך מחזק געווען מיט אמונה און בטחון אינעם הייליגן באשעפער, אז אלעס איז לטובה ולברכה. אבער נו, זיצן אינדערהיים קען מען דאך אויך נישט. האט דער אייבערשטער אזוי געהאלפן, און דאס איז געווען דער רצון השם בהשגחה פרטית, אז זי איז צוריקגעגאנגען צו איר אלטער ארבעט פון מאכן האר פאר מיידלעך פאר שמחות, אדער סתם שניידן האר. דאס איז געווען איר פרנסה, אבער עס איז געווען אן א סיפוק; זי האט עס געטאן בלית ברירה, אבער ווי מען זאגט, מען איז זיך מבטל צום רצון השם.

## דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א
### א לעכטיגן גוט מארגן ב שלח כג סיון תשפו
### קול פנים מאירות 845-414-0076

איין טאג איז זי גערופן געווארן צו א משפחה וואס האט געמאכט חתונה יענעם טאג און געהאט א שטוב מיט מיידלעך, און מען האט געדארפט מאכן די האר פאר יעדעם איינעם. די פרוי וואס האט עס געזאלט מאכן האט נישט געקאנט קומען, און עס איז שוין געווען די לעצטע מינוט – די חתונה איז געווען יענע נאכט – האט מען איר געפרעגט צי זי וויל קומען מאכן די האר פאר די בני המשפחה. לכתחילה האט זי נישט געוואלט גיין, ווייל דאס איז נישט געווען איר סיפוק און מען האט עס נישט באשטעלט פון פריער, אבער סוף כל סוף איז עס דאך א מצוה אויך, איז זי טאקע געגאנגען.

זי האט דארט פארברענגט שעות ארוכות; א שטוב מיט מיידלעך אום טאג פון א חתונה נעמט דאך אסאך צייט ביז מען ענדיגט יעדעם'ס האר. מען האט דארט געשמועסט און גערעדט, און מען איז געווארן, ווי מען זאגט, נאנט איינע מיט די אנדערע. עס איז געווען א זייער אנגענעמער פארברענג; סיי זי האט הנאה געהאט פון יענער משפחה, און די משפחה האט שטארק הנאה געהאט פון איר.

ווען זי איז אנגעקומען אהיים, האט זי געזאגט פאר איר מאמע: "הלוואי וואלט איך געהאט די זכיה אריינצוקומען אין אזא משפחה ווי די משפחה פון וואו איך קום יעצט." די מאמע האט איר געפרעגט: "נו, אפשר טאקע איז דא דארט איינער פון די בחורים אין שידוכים?" האט זי געענטפערט אז לויט ווי זי האט פארשטאנען פון די מיידלעך דארט, איז דער חתן אליין פיל אינגער פון איר. היות די מיידל איז שוין געווען אביסל עלטער, האט זי געהאלטן אז עס קען גארנישט זיין דארט פאר איר, ווייל דער חתן איז אינגער פון איר, און דער קומענדיגער ברודער אין יענע משפחה איז נאך פיל אינגער. די מאמע האט אבער געטראכט ביי זיך אז מ'דארף טון וואס מ'קען.

אין מציאות האט דער אייבערשטער אזוי צוגעפירט, און מ'איז טאקע געוואויר געווארן אז דער חתן וואס איז יענעם טאג געווען ביום חופתו איז טאקע אינגער, אבער עס איז דא אן עלטערער ברודער. דער עלטערער ברודער האט געוואלט אז זיין אינגערער ברודער זאל גיין פאר אים, אלס א זכות ער זאל זוכה זיין צו זיין ריכטיגן זיווג. מ'האט אנגעטראגן דעם שידוך און עס איז געווארן בשעה טובה ומצלחת. מזל טוב! ברוך הוי' ברוך הוא, הודו לו ברכושמו כי טוב כי לעולם חסדו. דער הייליגער באשעפער האט צוגעפירט אז זי האט נישט באקומען די ארבעטהוואס זי וויל, זי האט אנגעהויבן מאכן האר, און דאס האט איר צוגעפירט צו איר ריכטיגן זיווג.

אבער הערטס אויס, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער: תיכף נאכדעם וואס זי איז א כלה געווארן, שמועסנדיג אזוי מיט אירע חבר'טעס, זאגט איר איין חבר'טע: "האסט געהערט? די עלטערן פון איינע פון אונזערע חבר'טעס האבן געעפנט א געשעפט, פונקט אין דעם פאך וואס דו האסט געלערנט צו ארבעטן. רוף אן דיין חבר'טע מיט אירע עלטערן צו באגריסן אויף די גרויסע הצלחה פון עפענען אזא געשעפט." ס'איז דאך שיין ווען חבר'טעס רופן אן צו אנערקענען יענעמ'ס הצלחה און וואונטשן א ברכה. זי רופט טאקע אריין און וואונטשט אן, און זי דערציילט אז זי האט דעם פאך, און זי האט טאקע באקומען דארטן די ארבעט.

### די ליכטיגקייט וואס באהאלט זיך אינעם חושך אליין

אסאך מאל זעט א מענטש חושך און אפילה, מ'כאפט נישט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. געדענקט: **נישט נאך יעדע חושך קומט אן אור, נאר יעדע חושך אליין איז אן אור! דער אור ליגט אינעם חושך אליין, "ואנכי הסתר אסתיר" – דער הייליגער באשעפער געפינט זיך טאקע אינמיטן די הסתרה. יעצט, נאכדעם וואס מ'האט שוין געזען די ישועה – ברוך הוא וברוך שמו – מ'האט געטראפן דעם ריכטיגן זיווג, די גוטע משפחה, און די פאסיגע ארבעט, טוט עס אזוי וויי: פארוואס בין איך אוועקגעפאלן? פארוואס האב איך געהאט יאוש? פארוואס האב איך זיך אזוי אפגערעדט און געהאט אזעלכע שווערע טעג? פארוואס האב איך עס נישט געקענט מקבל זיין באהבה?**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! דאס מיינט אמונה, שלום, בטחון און שמחה; עס איז "יודו ויברכו וישבחו", דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן. געדענקט: נעם גארנישט אויף דיר, דו טוסט נישט און דו מאכסט נישט. א מענטש מיינט אמאל אז ער פארלירט, אבער באמת פארדינט מען דעמאלט; און א מענטש מיינט אז ער פארדינט ווען ער טוט השתדלות, אבער אינדערצווישן פארלירט מען גאר.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אזויפיל מאל ווען מ'טוט און מ'ארבעט און מ'האט שותפים אויף אלעס וואס מ'טוט, און פלוצלינג צעפאלט די שותפות, מיינט דער מענטש אז די וועלט ענדיגט זיך און ער האט אלעס פארלוירן. אבער באמת איז אדרבה ואדרבה – דווקא אין דעם צעפאלן פון די שותפות ליגט די גאנצע הצלחה פון לעבן; ווייל אין די שותפות איז געווען צופיל "כוחי ועוצם ידי", און יעצט איז דא מער פלאץ פאר אמונה און בטחון.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווי מער אמונה, ווי מער בטחון, ווי מער שלום, ווי מער מוותר זיין און מוחל זיין, ווי מער בענטשן און ליב האבן יעדן איד, און נישט נתפעל ווערן אדער זיך אויפרעגן פון קיין שום שוועריגקייטן, נסיונות, בזיונות אדער רצונות. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, נישט אלעס וואס**

## דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א
### א לעכטיגן גוט מארגן ב שלח כג סיון תשפו
### קול פנים מאירות 845-414-0076

**דו ווילסט קענסטו האבן, און נישט אלעס וואס דו ווילסט מיינט אז דו דארפסט עס טאקע האבן. דער הייליגער באשעפער ווייסט פונקטליך וואס דו דארפסט, ווען דו דארפסט עס, און וויאזוי דו דארפסט עס באקומען.**

ווען א מענטש, חלילה וחלילה, ווערט נישט געזונט אויף א געוויסן אינערליכן אבר, חלילה אויפן הארץ - קיינער זאל נישט וויסן - און מען דארף אים טוישן זיין דיעטע און די וועג פון עסן; ביז יעצט האט ער אלץ געמיינט אז דאס עסן וואס ער עסט איז דאס בעסטע פאר אים, ער איז צוגעוואוינט דערצו, עס בארואיגט אים און עס געבט אים א געשמאק, און פלוצלינג דארף ער אנהייבן עסן נייע מאכלים. וואס ווערט ער דעמאלט געוואויר? אז עס איז דא נאך עסן אויף די וועלט וואס איז אויך געשמאק, עס קען אים פונקט אזוי בארואיגן, און עס טוט אלע גוטע פעולות וואס א מענטש דארף כדי צו קענען לעבן און הנאה האבן אויף די וועלט, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

מיר פירן נישט די וועלט, דער אייבערשטער פירט די וועלט. לאמיר לאזן דעם אייבערשטן פירן די וועלט, און זיך מכניע זיין צו אים און צו די וועג וויאזוי ער פירט די וועלט.

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? מיט אמונה, מיט בטחון, מיט שלום, מיט שמחה, און מיט שטארקייט. פאל נישט אראפ, לאז נישט דעם יצר הרע שולט זיין אז דו זאלסט ווערן מיואש אדער נאכגעלאזט. דו דארפסט גארנישט קיין גשמיות, און דו דארפסט גארנישט פון א בשר ודם. לאז נישט נאך, שטארק זיך אין תורה, עבודה, יראת שמים, און דביקות הבורא; גיי ווייטער אן מיט מצוות ומעשים טובים. טראכט נישט צוריק, טראכט נישט יעצט, און טראכט נישט פאראויס – נאר פונעם אייבערשטן, נאר פון דעם "טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו". שטארק זיך, זיי זיך מחזק, האב זיך ליב ווייל דו ביסט א בן מלך. האב זיך ליב ווייל דו קענסט דינען דעם אייבערשטן און ווייל דו דינסט דעם אייבערשטן, ווייל דו קענסט לערנען תורה און ווייל דו לערנסט תורה. לעב און האב ליב אידישע קינדער פונקט אזוי ווי זיי זענען און ווער זיי זענען. לאז אפ די מצבים, פרוביר עס נישט צו טוישן, לאז דעם אייבערשטן פירן די וועלט. לעב עס אויס, און דו וועסט לעבן א גליקליך, פריילין, הנאה'דיג און געשמאק לעבן.

## א ברכה פאר א חודש פון שמחות ביי כלל ישראל

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר געפינען זיך נאך אינעם חודש פון קבלת התורה, דעם חודש וואו מיר האבן געפראוועט דעם הייליגן יום טוב שבועות. מיר זענען אין א חודש וואו טויזנטער אידן מאכן חתונות, שבע ברכות'ן, בר מצוה'ס און ברית'ן; עס איז א חודש פון שמחות ביי כלל ישראל אין אלע עקן וועלט. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר דאנקען און לויבן דעם באשעפער פון אויבן, און פועל'ט אלעס גוטס, כל מיני ישועות, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

# דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א

**א לעכטיגן גוט מארגן ג שלח כד סיון תשפו**

**קול פנים מאירות 845-414-0076**

**אויפציען די קינדער מיט עכטע שמחה און אמונה**

א גוט מארגן, דינסטאג פרשת שלח, כ״ד סיון תשפ״ד. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן ״תמיד״, הייליגע, פריילכע, לעכטיגע, לוסטיגע און גליקליכע אידישע קינדער! אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו. אזוי דארף א איד טראכטן; א איד דארף נאר טראכטן ווי גליקליך מיר זענען, ווי שיין אונזער לעבן איז, און ווי לעכטיג אונזער לעבן איז. מען דארף זען דאס גוטס, זען דאס גוטע, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווייל דער אייבערשטער איז נאר גוט און גוט און גוט. מען דארף גלייבן אין דעם, רעדן דערפון, טראכטן דערפון, און חזר׳ן דאס גוטס כדי עס אריינצובריינגען אין זיך, אז דער אייבערשטער איז גוט. מען דארף דאס אריינברענגען אין די קינדער, אין די תלמידים און אין די תלמידות.

**אונזערע קינדער דארפן אויפוואקסן מיט א׳מונה, ש׳לום, ב׳טחון און ש׳מחה, מיט א ״הן הם יודו וישבחו ויפארו״. אונזערע קינדער דארפן זען עלטערן וואס זענען פריילך, לעכטיג, לוסטיג און גליקליך.**

אלע ווייסן וואס מען זאגט נאך פון די פריערדיגע גדולים, פארוואס די אידן - אמווייניגסטנס א גרויסער טייל פון זיי - וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר אידישקייט, און בפרט פאר שבת דא אין אמעריקע, זענען זייערע קינדער נעבעך נישט געבליבן ערליך און קיין שומרי שבת. כאטש ברוך ה׳ היינט קומען שוין זייער אסאך פון זיי און זייערע אייניקלעך צוריק, אבער דאס איז שוין עטליכע דורות שפעטער. האבן די גדולי ישראל געזאגט, אז דאס איז ווייל יעדן שבת האט מען געקרעכצט אויפן שבת; דער שבת האט כאילו צוגענומען די פרנסה - ״אוי, מען דארף היטן שבת און מען וועט נישט האבן קיין פרנסה״, און מען האט געדארפט יעדע וואך זוכן א נייע פרנסה. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר שטייען יעצט אין עקבתא דמשיחא, מען דראפעט זיך אויף גראדע וועגט פאר אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן, צו לעבן מיט א פנים מאירות, צו לעבן פאזיטיוו, צו לעבן מיט שלום, מיט אמונה, מיט בטחון און מיט שמחה. די וועג וויאזוי מיר קענען דאס אריינקריצן אין די מוח און אין די הארץ פון אונזערע קינדער, איז אז מיר אלס עלטערן זאלן זיך אזוי אויפפירן. מיר דארפן זיי וויזן ווי פריילך, ווי גליקליך און ווי שיין אידישקייט איז. נישט די שיינע העמדער, נישט די שיינע קליידער, נישט די שיינע האר און פאות, און נישט די חיצוניות׳דיגע שיינקייט - דאס מאכט זיי גארנישט גליקליך. נישט עסן, נישט טרינקען און נישט שיינע הייזער; זיי דארפן דאס נישט, און נישט דאס מאכט זיי גליקליך.

נאר אז זיי וואקסן אויף מיט עלטערן וואס האבן באמת ליב דעם אייבערשטן, זיי האבן באמת ליב תורה, מצוות ומעשים טובים, און זיי האבן באמת ליב אידישע קינדער. זיי האבן באמת ליב זייערע אייגענע קינדער, זייערע תלמידים און תלמידות, זייער טאטע און מאמע, זייער משפחה, זייער רבי׳ן און זייער קהילה.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן רעדן פון ליבשאפט צו תורה, עבודה און יראת שמים, פונעם אייבערשטן און פון כלל ישראל. מיר דארפן רעדן פון די זיסקייט, זיין רואיג, זיין צוקער-זיס און פריילך, כדי אונזערע קינדער זאלן חלילה נישט זוכן און נישט וועלן האבן קיין שום שייכות אדער קשר מיט זאכן וואס באמת מאכן זיי טרויעריג. זיי דארפן שפירן די זאפטיגקייט, די צוקערדיגקייט און דעם געשמאק פון אונזער אידישקייט. עס מאכט נישט אויס צי מען טונקט איין די חלה נאך די פיש אדער פאר די פיש, און וויפיל מינים מען טונקט עס איין; דאס איז נישט די נפקא מינה. אויב דאס איז וואס די קינדער ווילן, לאז עס זיין אזוי, מיר האבן נישט קיין שום מסורה אז מען טאר דאס נישט טון. אבער וואס מיר האבן יא א מסורה איז ״תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך בשמחה ובטוב לבב״. אז מען דינט נישט דעם אייבערשטן מיט שמחה, און מען געט נישט איבער פאר די קינדער די תורה הקדושה פון ״ואהבת את ה׳ אלקיך״ און ״ואהבת לרעך כמוך״, דעמאלטס קען מען חלילה אלעס פארפאסן, דער אייבערשטער זאל שומר ומציל זיין.

מיר דא פנים מאירות אידן, זענען דא איינער פארן צווייטן און פאר אונזערע קינדער. אפילו זיי טשעפען מיט אונז, אפילו זיי טוען אסאך מאל ווי, און זיי גייען אפטמאל אוועק פון אונזער מסורה, אדער סתם די חוצפא יסגא פון עקבתא דמשיחא – קוק נישט אויף דעם, מאך דיך נישט צו טון דערפון, ווייל דאס איז נישט דיין תפקיד. שנאר נישט פון דיינע קינדער; דו דארפסט צו קיינעם נישט צוקומען, זיי זענען אלע בלויז בשר ודם, מיר דארפן נאר צוקומען צום אייבערשטן. רבונו של עולם, הייליגער באשעפער, וואס ווילסטו פון מיר? דער אייבערשטער וויל פון אונז מיר זאלן ווייזן פאר אונזערע קינדער אז זיי קענען אונז נישט טשעפען. וויאזוי זאגן מיר אלעמאל? איך פייף דיך אן, איך ווער נישט באליידיגט פון דיר. מיר ווייזן

## דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א

**א לעכטיגן גוט מארגן ג שלח כד סיון תשפו**

**קול פנים מאירות 845-414-0076**

פאר אונזערע קינדער אז מיר האבן אזוי ליב תורה, מוסר און חסידות; אלע תורות וואס מיר זאגן, אלעס וואס מיר הארעווען, און אלע שיעורים וואס מיר הערן – מיר פראקטיצירן עס בפועל ממש. אונזערע קינדער גייען אונז נישט קענען אוועקנעמען פון דעם, זיי גייען אונז נישט קענען שטערן, און מיר וועלן ווייטער אנגיין מיט א שמחה'דיג, פרייליך און רואיג לעבן.

מיר דארפן זיין רעאליסטיש און אפן, אז וואס אונזערע קינדער דארפן איז פרייליכקייט, לעכטיגקייט, מידות טובות, אהבה ואחוה שלום ורעות. דער טאטע און די מאמע זאלן לעבן בשלום, מ'זאל לעבן בשלום מיט כלל ישראל, עס זאל זיין א פאזיטיווע ווארעמע שטוב, און מען זאל ליב האבן אידישקייט. מ'זאל האבן אידישקייט און זיך האלטן ביי די תורה הקדושה, אבער מיט לעכטיגקייט — הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

**'נשיא' אותיות 'יש' און 'אין'**

עס שטייט אין די וואכעדיגע פרשה "כל נשיא בהם", יעדער איינער פון זיי איז געווען א נשיא. די ספרים הקדושים ברענגען ארויס — עס ווערט אביסל מרומז אינעם "דגל מחנה אפרים" אויף די וואכעדיגע פרשה, אבער עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים באריכות, דא און דארט צעווארפן צווישן די ספרי חסידות און מוסר — דיווארט "נשיא" זאגט דער דגל מחנה אפרים, באשטייט פון די אותיות "יש" און "אין".ביידע ווערטער זענען דא אין דעם ווארט נשיא: יש און אין.

**ענווה ברענגט עכטע חשיבות ביים ציבור**

וואס ווערט דא מרומז? עס איז מרומז: וויאזוי קען א מענטש זיין א נשיא? וויאזוי קען א מענטש זוכה זיין צו נשיאות? נאר אויב א מענטש האלט גארנישט פון זיך. א מענטש וואס האלט ביי זיך אז ער איז "עפעס", ער איז א "יש", איז ער באמת אן "אין". עס קען זיין א נשיא וואס באמת איז ער אן "אין" — קיינער קוקט אים נישט ארויף, קיינער האט אים נישט ליב, און קיינער שעצט אים נישט. אבער אויב ער איז ביי זיך אן "אין", דעמאלטס איז ער ביים ציבור א "יש"; אויב אבער ער איז ביי זיך א "יש", איז ער ביים ציבור אן "אין".

דאס איז דער יסוד פון נשיא: "כל נשיא בהם", יעדער איד קען זיין א נשיא. די שאלה איז נאר וויאזוי? וויאזוי קען מען זיין דערהויבן און חשוב? אויב א מענטש ווייסט ביי זיך אז ער איז "אין", דאס מיינט אז ער איז גארנישט. ווי עס שטייט אין פסוק: "מאין יבא עזרי" — ווען א מענטש ווייסט אז "איך קען גארנישט", פון דארט קומט אונזער ישועה.

"והחכמה מאין תמצא" – פון וואו שטאמט חכמה? מאין תמצא

"היש ה' בקרבנו אם אין". אויב דו האלטסט זיך פאר א "יש", פאר א זאך, דעמאלטס איז די פראגע צי ה' בקרבנו. דו ווילסט אז דער אייבערשטער זאל זיין צווישן אונז? דאס ווענדט זיך צי דו ביסט א "יש" אדער אן "אין". אזוי טייטשן עס אויס די ספרים הקדושים, הייליגע לעכטיגע אידן.

**איר ווייסט וואס אן "אין" מיינט? איינער וואס גיבט זיך איבער אין די הענט פונעם אייבערשטן; ער ווערט נישט אין כעס, ער פירט נישט קיין מחלוקת, ער פאדערט נישט און ער איז נישט קיין תובע. ער איז נישט א גאנצן טאג בייז אדער פול מיט טענות און ער איז נישט קיין אויפגערעגטער מענטש. פארקערט, ער איז א פרייליכער, לעכטיגער און לוסטיגער מענטש, און ער גלייבט באמת ובאמונה פשוטה אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט, און אז אלעס ווערט געפירט דורך אים און גארנישט קען אים שאדן.**

אזעלכע מענטשן זענען באליבט און חשוב, זיי ווערן אנגערופן א "נשיא". דעמאלטס קען ער פירן זיין שטוב; אויב ער איז א מחנך אדער זי איז א מחנכת, קענען זיי פירן א מוסד און פירן תלמידים ותלמידות. דעמאלטס קען מען זיך אליין אויך פירן, ווייל מ'ווייסט ביי זיך: "איך בין גארנישט, איך קען אויף קיינעם נישט שרייען און אויף קיינעם נישט האבן קיין טענות." מען לעבט מיט א געוואלדיגע ביטול הרצון צום אייבערשטן.

**א מעשה פון איינע פון די רוזשינער קינדער:**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אינעם ספר "אמרות טהורות" פונעם רחמיסטריווקער רבי'ן זכותו יגן עלינו, ברענגט ער אין פרשת משפטים א מעשה וואס ער האט געהערט פון ר' משה גבאי זכרונו לברכה (ר' משה בטלן, וואס איז סוף ימיו געווען אין סקווירא). ר' משה גבאי פארציילט, אז אין איינע פון די טעג איז אנגעקומען אן עלטערער איד, א בעל הדרת פנים, צו איינע פון די רוזשינער קינדער און האט פארציילט מיט א געוואלדיגע

# דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א
## א לעכטיגן גוט מארגן ג שלח כד סיון תשפו
## קול פנים מאירות 845-414-0076

התלהבות: "רבי," זאגט ער, "עס איז מיר אונטערגעקומען א געוואלדיגע גרויסע מצוה פון פדיון שבויים. מען דארף שוין צוזאמשטעלן א גרויסן אוצר פון געלט כדי צו ראטעווען א איד, ווער ווייסט צי ער וועט נישט אויסגיין דארט אין דעם קעלער וואו דער פריץ האט אים אריינגעלייגט. עס האנדלט זיך ממש אין פיקוח נפש תיכף ומיד!" ער האט געבעטן דעם רבי'ן אז דער רבי זאל אים ארויסהעלפן, וויבאלד ער קען עס נישט באווייזן אליין, און דער רבי האט דאך א שטארקע השפעה אויפ'ן ציבור.

אזוי ווי דער איינער פון די רוזשינער רבי'ס האט דאס געהערט, האט ער געזאגט: "נו, לאמיר שוין ארויסגיין אין שטאט און גיין נאך געלט." דער רבי איז טאקע געגאנגען צוזאמען מיט דעם איד, און מען האט צוזאמגעשטעלט א גאר גרויסן סכום. דער איד האט זייער געלויבט דעם רבי'ן און אים געזאגט א גרויסן יישר כח פאר די געוואלדיגע עבודה וואס ער האט אריינגעלייגט צוזאמצושטעלן אזוי פיל געלט אין אזא קורצע צייט. ער האט געזאגט פאר'ן רבי'ן אז ער וויל שנעל נעמען דאס געלט כדי אויסצולייזן דעם איד פונעם פריץ, האפנדיג אז ער וועט נאך אנקומען בעת דער איד לעבט נאך; ער מיט זיין משפחה און די קינדער זענען דארט אריינגעווארפן אין א גרוב אן עסן און טרינקען, און זיי כאפן מכות רחמנא ליצלן.

האט זיך דער צדיק אנגערופן: "איך קען דיר יעצט נישט געבן דאס געלט, קום צוריק מארגן נאך שחרית." יענער האט געטענה'ט: "וויאזוי קען דאס זיין? מען רעדט דאך דא פון פיקוח נפש, מען קען עס נישט אפשטופבן!" אבער דער צדיק האט אים געזאגט: "עס איז נישט שייך, אויב דו ווילסט דאס געלט, קום מארגן נאך שחרית." האט דער איד געענטפערט אז פיין, ער וועט דערווייל אריבערגיין אין א נאנטן שטעטל דארט ארומצוגיין נאך געלט, און מארגן אינדערפרי וועט ער טאקע צוריקקומען נעמען דאס געלט פונעם רבי'ן.

אינמיטן די נאכט איז אנגעקומען די פאליציי מיט א בילד פון דעם איד וואס האט געהאט דעם גרויסן הדרת פנים, און זיי האבן זיך נאכגעפרעגט אין שטאט צי מ'האט געזען דעם מענטש זיך דרייען דא. האבן די איינוואוינער געזאגט: "יא, ער האט זיך געדרייט דא אין שטאט, מ'האט אים דא געזען." האבן די פאליציי פארציילט אז ער איז א פאלשער מענטש, א גנב און א פאפער וואס בארויבט מענטשן; ער פארקויפט פאלשע מעשיות, ער באגנב'עט און בארויבט דעם עולם. ער איז א געהעריגער גנב און א רמאי, א גנב מיט א גזלן, און ער ווערט פארעכנט אלס א גאר מסוכנ'דיגער מענטש וועמען די פאליציי זוכט ארום.

אזוי ווי מ'האט דאס פארציילט פאר'ן רבי'ן, און פארשטייט זיך די חסידים האבן שוין געוואלט מאכן דערפון א מופת און א רוח הקודש, האט זיך אנגערופן איינער פון די רוז'ינער קינדער (עס שטייט נישט ווער עס איז געווען), און ער האט געענטפערט: "דא איז נישט געווען קיין מופת און קיין רוח הקודש." ער האט מסביר געווען: "צוויי מאל א יאר גייט ער ארום אין שטאט צוזאמנעמען געלט פאר נצרכים. פאר ער גייט, מאכט ער א גאנצע רשימה: דער עושר, יענער עושר, און ער טראכט וויפיל יעדער איינער וועט געבן. דערנאך, ווען מ'גייט שוין פראקטיש צו די עשירים, הייבן זיך אן וויכוחים; דער עושר זאגט אז ער איז יעצט געדריקט, עס גייט נישט, ער קען נישט געבן, און מ'דארף זיך טענה'ן און בעטן. עס גייט געווענליך זייער שווער ביז מ'ענדיגט די רשימה און מ'קומט אהיים מיט'ן געלט. נעכטן אבער איז ער געגאנגען אן זיך צוגרייטן א רשימה, ער איז גראד געגאנגען צו די עשירים, און יעדער האט אים געגעבן דעם סכום וואס ער האט געבעטן אן קיין שום וויכוחים, קיינער האט זיך נישט געטענה'ט מיט אים. דאס האט אים זייער געוואונדערט, ווייל ער איז נישט געווען צוגעוואוינט אז גיין נאך געלט זאל אזוי גרינג גיין. ער האט מחליט געווען אז עפעס שטימט נישט דא, עס מוז זיין אז דאס איז נישט קיין ריינע צדקה אדער נישט קיין פולקאמע מצוה; עס איז נישט קיין סימן טוב, ווייל דאס איז נישט דער נארמאלער וועג וויאזוי זאכן גייען."

האט ער געטראכט אפצולייגן די זאך, פונקט ווי אהרן הכהן האט געזאגט "בוקר ויודע" – מען וועט ווארטן ביז אינדערפרי און זען "היאך יפול דבר". און דער באשעפער האט טאקע געהאלפן, און מען איז געוואויר געווארן אז דאס איז בכלל נישט געווען קיין צדקה געלט; דאס איז נישט געווען קיין פדיון שבויים, נאר דאס איז געווען רמאות און עס האט בכלל נישט געהאט קיין שייכות מיט א מצוה.

### עכטע קדושה קומט נאר דורך יסורים און הארעוואניע

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! ווען א איד מוטשעט זיך, ווען א מענטש מוטשעט זיך מבית ומחוץ – סיי אינעווייניג אין שטוב און סיי אינדרויסן – נישט קיין חילוק וואו, דארף מען וויסן: קדושה קומט נאר דורך יסורים; קדושה קומט דורך שווערע הארעוואניע; קדושה קומט מיט שווערע נסיונות און דורכגיין שוועריקייטן, ענינים קשים סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

## דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א

**א לעכטיגן גוט מארגן ג שלח כד סיון תשפו**

**קול פנים מאירות 845-414-0076**

**נאר אויף אזא אופן איז מען זוכה צו קדושה, נאר אזוי איז מען זוכה צו גדולה, צו גרויסקייט, צו דערהויבנקייט און צו נאנטקייט צום אייבערשטן; אנ צוקומען צום תכלית און צום תפקיד פאר וואס א מענטש איז באשאפן געווארן אויף דער וועלט. ווען א מענטש וויל באמת לעבן מיט א פנים מאירות, ער וויל באמת זיין אנגעבונדן מיט אמונה, שלום, בטחון און שמחה – ״ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כולכם היום״ – ער וויל דאווענען, ער וויל לערנען, ער וויל האבן א מסודר׳דיגן סדר היום, ער וויל באמת האבן א ריכטיגע תורה׳דיגע השקפה און א לעבן פון קדושה אנצוהאלטן די מסורה, ער וויל האבן א וואויל אידיש לעבן און א לעכטיגע אידישע שטוב, דארף ער וויסן, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אז דאס אלעס קומט מיט גאר פיל שוועריקייטן.**

דאס איז פשט אין וואס עס שטייט אין די תורה: ״וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ״. דאס גייט ארויף אויף יעדן מענטש פערזענליך; ער ווערט געפייניגט פאר זיין מסירת נפש פאר תורה, עבודה און יראת שמים, פאר זיין אהבת הבורא, אהבת התורה און אהבת ישראל, און פאר זיין הארעוואניע. ער מוטשעט זיך מיט זיך אליין. אבער זאלט איר וויסן, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אז דאס אליין איז א סימן אז מען שטייגט, מען וואקסט, און מען טוט דעם רצון השם.

מיר ווערן נישט צובראכן, מיר ווערן נישט צוקלאפט אין קיין שום מצב, גארנישט. איי, איך האב געמיינט, איך האב געוואלט, איך האב געטראכט... די תשובה אויף דעם איז: ״רבות מחשבות בלב איש ועצת ה׳ היא תקום״. איך בין זיך מכניע, איך בין אן ״אין״, איך בין זיך מכניע צום רצון השם. אזוי וויל יעצט דער אייבערשטער; אזוי וויל דער אייבערשטער פאר מיין שטוב, אזוי וויל דער אייבערשטער פאר די שטוב פון מיינע קינדער, אזוי וויל דער אייבערשטער פאר מיין ארבעט, מיין פרנסה, מיין דירה, מיין שכנות, מיין רוחניות און מיין גשמיות, און פאר מיינע קינדער׳ס רוחניות און גשמיות. אזוי וויל דער אייבערשטער. מיר טוען נישט אונזער אייגענעם רצון, מיר טוען נאר דעם רצון השם. און אז דער אייבערשטער וויל אז איך זאל יעצט דורכגיין די ענינים און די שוועריקייטן, זאגט מען: ״אשרינו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו״. מען דאנקט און מען לויבט דעם אייבערשטן, ברוך הוי׳ ברוך הוא. מען דאנקט און מען לויבט דעם אייבערשטן אז מען איז א איד פאר זיך, מען דאנקט און מען לויבט דעם אייבערשטן אויף יעדע דבר טוב, אויף יעדע ערליכע זאך וואס מיר האבן יא און וואס מיר האלטן אן; מען זעט דאס גוטס, מען טראכט דאס גוטס, און מען רעדט דאס גוטס.

### די כוח פון מזמור לתודה און דאנקען דעם אייבערשטן

און הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אז מ׳לעבט אזוי, מ׳טראכט אזוי, מ׳רעדט אזוי, און מ׳קאכט זיך אזוי, העלפט דער אייבערשטער, ״ואתם תראו עין בעין״ – מ׳זעט עס מיט די אייגענע אויגן. דער אייבערשטער גיט די געפילן, ער גיט דעם געשמאק, און ער גיט אונז צו זען די הצלחה אין לעבן; צו לעבן א גליקליך לעבן וואס איז אנגעפילט מיט ביטול הרצון צום רצון השם, אנגעפילט מיט אמונה, שלום, בטחון און שמחה, ״אני שמח בחלק שלי״.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זינגט מזמור לתודה! לערנט עס אויס פאר אייערע קינדער און פאר וועמען איר קענט נאר; מזמור לתודה, דאס ברענגט אונזערע ישועות. טאנצן מזמור לתודה, זאגן מזמור לתודה, זיך קאכן אין מזמור לתודה, און מחנך זיין די קינדער אין מזמור לתודה. ״מזמור לדוד ה׳ רועי לא אחסר״, ״אדון עולם״, ״ה׳ לי ולא אירא״. ווען מען לעבט מיט׳ן אייבערשטן, זעט מען ישועות סיי בדרך הטבע און סיי שלא בדרך הטבע.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, רופט אריין פארציילן מזמור לתודה מעשיות, כיבוד אב ואם מעשיות, און יראת שמים מעשיות. לאמיר צוזאמען ארבעטן און זיך מחזק זיין, און מפיץ זיין די פרייליכקייט, די לעכטיגקייט און די לוסטיגקייט פון תורה, עבודה און יראת שמים, און פונעם דינען דעם אייבערשטן. האט הצלחה, ברכה און סייעתא דשמיא, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד שלח כה סיון תשפה**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, מיטוואך פרשת שלח, כ״ה סיון תשפ״ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

מיר געבן כמעט יעדן טאג — מיר פרובירן עס זאל טאקע זיין יעדן טאג — א שיעור פון צען מינוט איבער כיבוד אב ואם. דאס איז א זייער וויכטיגער שיעור. מיר ברענגען מפי ספרים וסופרים די וויכטיגקייט, די הארבקייט, דעם שכר, און פארקערט חס ושלום פון שכר — דער אייבערשטער זאל אפהיטן — פון כיבוד אב ואם און מורא אב ואם. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אידן דארפן ישועות, און אין כיבוד אב ואם ליגן אלע ישועות.

מיר בעטן אלס זכות פאר די פילע אידן וואס דארפן האבן גרויסע זכותים פאר אהבה ואחוה שלום ורעות, פאר פרנסה, קינדער, און שידוכים, אז מען זאל אויסהערן די שיעורים און זוכה זיין צו די ישועות פון כלל ישראל. אידישע קינדער פארציילט אונז מעשיות וואס מיר ועלן קענען מפרסם זיין איבער ישועות וואס זיי האבן געזען דורך כיבוד אב ואם, סיי בעבר, סיי בהוה און סיי בעתיד.

## א מעשה פון א קבלה טובה און א ישועה אויפן פלאץ

א ״פנים מאירות״ משפחה האט דערציילט, אז איין טאג זענען זיי אריין אינעם קאמפיוטער ווייל זיי האבן געוואלט טון א דבר מצוה, אבער דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן, עס האט זיך געעפנט פאר זיי ממש דער ״שאול תחתית״. תיכף ומיד האבן זיי אנגעהויבן טראכטן פון צדיקים, זיי האבן זיך פארגעשטעלט בילדער פון צדיקים און זיך מקשר געווען צו די צדיקים פון די פריערדיגע דורות. זיי האבן דאן מקבל געווען א קבלה טובה בשום אופן נישט צו עפענען מער דעם קאמפיוטער ביז עס וועט האבן די שטערקסטע פילטער וואס איז נאר שייך. זיי האבן זיך תיכף פארבונדן מיט ״TAG״ צו מאכן זיכער אז מען גייט ארויפלייגן דעם ״נעט-פרי״ פילטער, נישט קיין חילוק צי עס גייט שטייט, צי עס גייט שנעל, אדער צי עס מאכט נערוועז; אן דעם עפנט מען נישט דעם קאמפיוטער. דער הייליגער באשעפער האט עס אנגענומען און האט געוויזן פאר דער משפחה א נס און א מופת אויפן פלאץ. די משפחה האט פונקט יענעם טאג געדארפט האבן א גרויסן סכום געלט, און עס האט נישט גענומען קיין פאר מינוט, זיי האבן זיך פארבונדן מיט א געוויסן איד און עס איז אויסגעקומען צו דערציילן אז מען דארף דעם גרויסן סכום געלט, און יענער איד האט עס אויפן פלאץ געגעבן דעם גאנצן סכום.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! ווען מ׳איז מקיים דעם ״ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כולכם היום״, ווען א איד וויל באמת זיין בקדושה ובטהרה, ווען א איד וויל באמת לעבן נאנט צום אייבערשטן און ער נעמט זיך פאר קבלות טובות, גדרים וסייגים, כדי זיך נישט חלילה צו לאזן פארשוועמען פון די אלע תאוות און נסיונות פון עולם הזה, דעמאלט העלפט דער הייליגער באשעפער און מ׳זעט ישועות אויפן פלאץ. הודו לו ברכו שמו כי טוב ה׳.

## דער יסוד פון אמונה אין פרשת שלח

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, די וואכעדיגע פרשה, פרשת שלח, די פרשה פון די מרגלים, ווייזט אונז ווי שטארק מיר דארפן הארעווען אויף אמונה. דער יסוד פון אונזער לעבן איז אמונה פשוטה. פערציג יאר האבן די אידן געמוזט בלייבן אין מדבר, און אזויפיל פראבלעמען זענען געווארן פאראורזאכט דורך די מעשה פון די מרגלים, נאר ווייל עס האט געפעלט אביסל אמונה אינעם אייבערשטן; צו גלייבן אינעם באשעפער און וויסן אז עס איז גארנישט ״כוחי ועוצם ידי״.

## די דריי מענטשן וואס דער באשעפער האט אויסגעפראוווט זייער אמונה

מ׳זעט א מדרש ווי ווייט דער הייליגער באשעפער וויל און איז מקפיד אויפן ענין פון אמונה. עס איז דא א מדרש אין פרשת בראשית און אין פרשת בלק וואס זאגט אזוי: דריי מענטשן האט דער הייליגער באשעפער געקלאפט אויף זייער גענאק זיי אויסצופראווען, און ער האט זיי

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד שלח כה סיון תשפה**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

געטראפן ווי קריגלעך פול מיט מי רגלים (במחילת כבודכם), אזוי שטייט אין מדרש. וועלכע דריי זענען דאס? קין, בלעם, און חזקיהו.

ביי קין, ווען דער אייבערשטער האט אים געפרעגט ״אי הבל אחיך?״ – וואו איז הבל דיין ברודער? האט ער געענטפערט פארן אייבערשטן: ״השומר אחי אנכי?״ – צי בין איך דען מיין ברודער׳ס היטער? מיט דעם האט ער חלילה פרובירט, כביכול, אפצונארן דעם הייליגן באשעפער. וואס וואלט ער באמת גע׳דארפט ענטפערן? ״רבונו של עולם, הנסתרות והנגלות לפניך גלויות, אלע באהאלטענע זאכן זענען פאר דיר אפן, און דו פרעגסט מיך וואו מיין ברודער איז?״

דער מדרש זאגט ווייטער: חזקיהו המלך, ווען ער איז געזונט געווארן נאכדעם וואס ער האט נישט גוט געפילט, האט מראדך בלאדן אים געשיקט א מתנה. איז ישעיה הנביא געקומען און אים געפרעגט: ״ווער זענען די מענטשן? און פון וואו זענען זיי געקומען?״ וואס וואלט ער גע׳דארפט ענטפערן? ״דו ביסט דאך א נביא און דו ווייסט אלעס, פארוואס פרעגסטו מיך?״ אבער ער האט נישט אזוי געענטפערט, נאר ער האט אנגעהויבן זאגן: ״זיי קומען פון א ווייט לאנד, פון בבל.״

אזוי אויך ביי בלעם הרשע, ווען בלק האט געשיקט מענטשן צו אים און דער אייבערשטער האט אים געפרעגט: ״ווער זענען די מענטשן?״ ער האט גע׳דארפט ענטפערן: ״רבונו של עולם, דו ווייסט דאך אלעס און גארנישט איז נישט פארהוילן פון דיר, פארוואס פרעגסטו מיך?״ אבער ער האט אנגעהויבן ענטפערן: ״בלק בן צפור...״

עס איז לכאורה דא א פלא, אז דער מדרש שטעלט צוזאם קין, בלעם און חזקיהו. ווי קען מען דאס צוזאמשטעלן? חזקיהו המלך צו קין און בלעם? אלא מאי, ווען עס קומט צו אמונה, אויב א מענטש פאלט אדורך אין אמונה, איז נישט דא קיין חילוק צווישן קין, בלעם און חזקיהו, און ממילא האבן עס חז״ל ארויסגעזאגט מיט איין משל. ביי אלע דריי רופט ער דאס אן ״מי רגלים״ מיט א לשון פון א גנאי און בזיון.

א איד דארף וויסן און א איד דארף גלייבן, אז פארן אייבערשטן איז אלעס אנטפלעקט; דער אייבערשטער ווייסט אלעס, דער אייבערשטער טוט אלעס, דער אייבערשטער מאכט אלעס, און מיר האבן גארנישט קיין כחי ועוצם ידי. מיט א געוואלדיגע אמונה און בטחון לעבן מיר אינעם אייבערשטן. מיר פירן נישט דעם אייבערשטנ׳ס וועלט, מיר פאלגן דעם אייבערשטן, מיר מאכן זיכער צו היטן די תורה, מיר מאכן זיכער קיינעם נישט ווייצו טון, און מיר מאכן זיכער אז אלעס וואס מיר האבן איז אויסגעהאלטן על פי תורה, על פי מוסר, און על פי חסידות, לפנים משורת הדין.

**די וואונדערליכע מעשה פון רבי שלמה בלאך און די אמונה פשוטה**

ס׳איז געווען א יונגערמאן, לא עלינו ולא עליכם ולא על כל ישראל, וואס עס זענען שוין אדורך יארן נאך די חתונה און ער מיט זיין ווייב האבן נאך נישט געהאט קיין קינדער. ער פלעגט ארויפגיין כסדר, ממש טעגליך, צו ר׳ שלמה בלאך אינדערהיים. ר׳ שלמה בלאך —— אויף וועמען דער בריסקער רב האט געזאגט אז ער איז איינער פון די ל״ו צדיקים —— פלעגט שטענדיג באקומען בקשות פונעם יונגערמאן פאר א ברכה און אן הבטחה אז ער וועט געהאלפן ווערן מיט קינדער. ר׳ שלמה בלאך פלעגט אים ענטפערן ממש יעדן טאג די זעלבע תשובה: ״איך קען דיר געבן א ברכה, אבער נישט קיין הבטחה.״ דעם אנדערן טאג קומט דער יונגערמאן ווידער ארויף, ער בעט א ברכה און אן הבטחה, און ר׳ שלמה בלאך ענטפערט צוריק: ״איך קען דיר געבן א ברכה, אבער נישט קיין הבטחה.״ אזוי איז עס אנגעגאנגען פאר א זייער לאנגע צייט, וואכן, חדשים, און אפילו יארן.

איין טאג האט די רביצין פון ר׳ שלמה בלאך ממש געשפירט ווי זי פלאצט; איר הארץ איז אויסגעגאנגען, און זי האט שוין נישט געקענט צוקוקן ווי דער יונגערמאן הערט נישט אויף צו קומען נאכאמאל און נאכאמאל. ווען דער יונגערמאן איז יענע נאכט נאכאמאל ארויפגעקומען, האט זיך די רביצין פשוט צעוויינט. זי האט עס מער נישט אויסגעהאלטן און געזאגט: ״מיין טייערער מאן, איך קען מער נישט צוקוקן די יסורים פון דעם יונגערמאן. ער גייט נישט אויף, ער קומט כסדר בעטן און בעטן, דו מוזט אים מבטיח זיין קינדער!״ ר׳ שלמה בלאך האט זיך

פארטראכט, ער איז געווארן פארפלאמט, און זיך אנגערופן: ״יונגערמאן, דו גלייבסט?״ האט דער יונגערמאן געענטפערט: ״אוודאי גלייב איך.״ ״יא? ביסטו גרייט יעצט צו גיין קויפן א וועגעלע פאר׳ן קינד, כאילו דו ביסט שוין א געהאלפענער?״

דער יונגערמאן האט אויסגעפלאצט אין א געוויין. יעדער ווייסט — און קיינער זאל עס נישט וויסן — אז פאר א יונגערמאן וואס האט נישט קיין קינדער און זעט נאך נישט קיין האפענונג, זענען די גרעסטע יסורים צו זען א וועגעלע פון קליינע קינדער; כל שכן אליין צו גיין קויפן איינס און עס האלטן אינדערהיים. אבער ר׳ שלמה בלאך פרעגט אים: ״ביסטו עלול, ביסטו מסוגל צו גיין קויפן א וועגעלע און זיין גרייט פאר׳ן קינד?״

דער יונגערמאן האט זיך צעוויינט און אריינגעטראכט; ער ענטפערט גארנישט, ער זאגט נאר איין ווארט: ״רבי, איך בין א געהאלפענער,״ און ער איז ארויסגעגאנגען. ער איז גלייך געגאנגען אין א געשעפט און זיך געקויפט א וועגעלע. ער האט געטראגן דאס וועגעלע אין די גאס כאילו ער האט שוין קינדער. אבער ווען ער האט עס געטראגן אין די גאס איז ער נישט געווען פארשעמט; ער האט עס נישט געטראגן מיט אן אראפגעלאזט פנים אדער מיט א פארשעמטע מינע, מיט די אויגן אראפגעקוקט כדי ער זאל קיינעם נישט טרעפן. דער יונגערמאן דערציילט אז ער איז געגאנגען מיט אמונה פשוטה; ער האט געכאפט וואס ר׳ שלמה בלאך האט אים מעורר געווען, אז מ׳דארף באמת גלייבן.

ער איז אנגעקומען אהיים מיט׳ן וועגעלע און ער האט גערעדט צו זיין פרוי, און זיי האבן זיך אינאיינעם מחזק געווען מיט אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן אז זיי זענען געהאלפן. און טאקע, דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן און ס׳איז געבוירן געווארן א יונגעלע, א בכור, בשעה טובה ומוצלחת. מזל טוב, מזל טוב!

## דער נסיון פון ארגאניזאציעס קעגן אמונה אינעם באשעפער

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואס איז דער יסוד? דער יסוד איז די תמימות׳דיגע, אמת׳דיגע אמונה. מיר לעבן אין אמונה, אבער דער אייבערשטער האט אונז געשטעלט פאר א נסיון; היינט זענען פארהאן אזויפיל ארגאניזאציעס אויף יעדע טריט און שריט אין אונזער לעבן. ווען א מענטש דארף געהאלפן ווערן מיט שידוכים, מיט קינדער, אדער מיט סיי וועלכע איבר אין זיין קערפער וואס דארף א רפואה אדער א ישועה, איז דא אן ארגאניזאציע. אויף יעדע זאך וואס מ׳דארף האנדלען, פון ספרים ביז זעקלעך, ביז עסן און טרינקען, זענען דא ארגאניזאציעס און הילף אויף יעדע שריט. ממילא הייבט דער מענטש אן אביסל צו פארלירן זיין אייגענע אמונה. מ׳גלייבט אזוי שטארק אין די ארגאניזאציעס, אז די אמונה אינעם אייבערשטן ווערט חלילה אפגעשוואכט. אוודאי זענען די ארגאניזאציעס ״אשרי להם ואשרי חלקם״, ס׳איז נישטא קיין ווערטער צו באדאנקען די אלע אידן וואס געבן זיך אזוי אוועק פאר אנדערע. אבער א מענטש, בשעת ער געפינט זיך אין א פעקל אדער אין א עת צרה, דארף זיך קענען מתגבר זיין מיט א געוואלדיגע התגברות און וויסן אז נישט קיין מומחים און נישט קיין ארגאניזאציעס העלפן, נאר דער אייבערשטער אליין. און דאס איז דער שליסל צו אונזערע ישועות.

מ׳זעט אזויפיל מענטשן ווערן בייז אויף ארגאניזאציעס; זיי פארקויפן, אז זיי העלפן, זיי זאגן אזוי, זיי זאגן אזוי, און ס׳הייבט זיך נישט אן. וואס מישסטו זיך אריין? ווער דארף דאס? לאז זיי טון וואס זיי טוען. אונזער ארבעט איז איבערצוקומען דעם נסיון און זיך מדבק זיין אין אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן. נאר דער אייבערשטער מאכט אונזער לעבן שיין, נאר דער אייבערשטער מאכט אונזער לעבן לעכטיג, נאר דער אייבערשטער פירט אונזער לעבן, הייליגע און לעכטיגע אידישע קינדער לא יאומן כי יסופר ווען א מענטש לעבט מיט די אמונה.

## די מעשה פון ר׳ לייב חפץ חיים׳ס און די אמונה אין חז״ל

לאמיך אייך פארציילן א מעשה. דער חפץ חיים האט געהאט א זון ר׳ לייב און אן איידעם ר׳ מענדל זאקס. איינמאל האט דער איידעם ר׳ מענדל זאקס פארציילט פאר זיין שוואגער ר׳ לייב אז ער האט שטארקע אויערן-ווייטאג. ווי נאר ער האט עס געזאגט, האט ר׳ לייב א ציטער געטאן און אים געזאגט אז ער זאל שוין פארן קיין ווילנא צום גרויסן דאקטאר שבת, וואס איז א גרויסער מומחה, ווייל עס קען זיין זייער

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד שלח כה סיון תשפה**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

מסוכנ׳דיג.

האט ער זיך אנגערופן: ״דו הייסט מיר פארן ביז ווילנא פאר א פשוט׳ע אויערן-ווייטאג? חוץ וואס עס איז א לאנגע נסיעה, און ער איז א גרויסער מומחה, בעט ער דאך אויך צען רובל; ער בעט דאך אסאך געלט פאר א באזוך ווייל ער איז אזא גרויסער פראפעסאר. ווער קומט צו אים פאר אזעלכע קליינגקייטן ווי אן אויערן-ווייטאג?״

ר׳ לייב גייט און נעמט ארויס פינף און צוואנציג רובל און געבט עס פאר זיין שוואגער, זאגנדיג אים: ״נעם דאס געלט און פאר שוין קיין ווילנא.״ עס זעט אויס אז ער האט געטראכט אז אפשר וועט ער דארפן האבן מער ווי איין באזוך ביים דאקטאר, דעריבער האט ער אים געוואלט באצאלן די הוצאות.

ר׳ מענדל זאקס האט געזען ר׳ לייב׳ס ערנסטקייט און ער האט זיך אביסל דערשראקן, האט ער אים געפאלגט און איז אריבערגעפארן. ער האט זיך אבער זייער געשעמט צו זאגן פארן דאקטאר אז ער איז געקומען פון ראדין פאר א פשוט׳ן אויערן-ווייטאג. ער איז אריין צום דאקטאר און אים דערציילט אז ער האט גערעדט מיט זיין שוואגער ר׳ לייב, דער זון פונעם חפץ חיים, און ר׳ לייב האט אים געהייסן גיין זען א דאקטאר, און דווקא דעם דאקטאר שבת, וואס איז א גרויסער מומחה.

דער דאקטאר האט אריינגעקוקט אין זיין אויער און געזאגט: ״עס איז געווען א שאד דאס קומען ביז ווילנא, איך זע גארנישט.״ ער האט אים פארשטייט זיך געגעבן א רפואה, אבער דאס וואלט יעדער קליינער דאקטאר געקענט מאכן; מען דארף נישט ספעציעל קומען צום גרויסן דאקטאר דערפאר.

ר׳ מענדל זאקס הייבט זיך אויף און פארט צוריק קיין ראדין. ער קומט אן אין די באן סטאנציע, וואו ער טרעפט ר׳ לייב. ר׳ לייב איז שוין געווען אנגעצויגן און פרעגט אים: ״וואס זאגט דער דאקטאר? וואס זאגט דער דאקטאר?״ ענטפערט אים ר׳ מענדל: ״דער דאקטאר זאגט אז ס׳איז א פשוט׳ע אויערן-ווייטאג. איך האב דיר דאך געזאגט פון פאראויס אז איך דארף נישט פארן קיין ווילנא; וואס האסטו נישט פארשטאנען? פאר וואס האסטו מיך אזוי געשיקט קיין ווילנא? סתם א טלטול הדרך אהין און צוריק.״ זאגט אים ר׳ לייב: ״נו, וואס זאגט דער דאקטאר שבת?״ זאגט ער: ״ער זאגט מיר אז גארנישט, ס׳איז א פשוט׳ע אויערן-ווייטאג.״ רופט זיך אן ר׳ לייב: ״אוי, דו האסט מיך ממש משמח געווען!״ פרעגט ער אים: ״ר׳ לייב, וואס גייט פאר?״ האט אים ר׳ לייב געענטפערט: ״א פאר טעג צוריק האט איינער פון די אינגעלייט גערעדט אויף איינעם פון די ראשי ישיבה, און דו האסט געהערט ווי ער רעדט דברי גנאי און שאנדע ווערטער אויף אים, אבער דו האסט נישט מוחה געווען און האסט זיך גארנישט אנגערופן. דו קענסט דאך די גמרא אז רבי אלעזר ברבי שמעון, ווען ער איז געלעגן אין בוידעם נאך זיין פטירה, האט זיין ווייב געזען ווי א ווארעם קומט ארויס פון זיין אויער. ער האט זיך מגלה געווען צו איר און געזאגט אז דאס איז ווייל ער האט אמאל געהערט ווי מ׳ביזיונ׳ט א תלמיד חכם און ער האט נישט מוחה געווען. אזוי ווי דו האסט געהערט דברי בזיון אויף א תלמיד חכם און...״

״דו האסט נישט מוחה געווען, און פונקט זאגסטו מיר אז דיין אויער טוט דיר וויי, האב איך געציטערט; ווער ווייסט מיט וואסערע שטארקע אויערן-ווייטאג דער אייבערשטער האט דיך, חס ושלום, באשטראפט, און וואסערע מסוכנ׳דיגע אויערן-ווייטאג דו קענסט האבן אלס עונש פארן הערן בזיון תלמיד חכם און נישט מוחה זיין. ברוך השם אז עס איז געווען סתם א פשוט׳ע אויערן-ווייטאג.״

הייליגע, ליכטיגע אידישע קינדער, איר הערט די טיפקייט פון דעם? ביי ר׳ לייב, דער זון פונעם חפץ חיים, איז געווען א ״חז״ל״, אמת לאמיתו, מיט אן אמונה פשוטה בתמימות. ער האט געוואוסט אזא מעשה אין די גמרא, אז אן אויער האט צוטון מיט הערן זילותא דרבנן – ווען מ׳הערט א שאנדע אויף א רב, אויף א גאון, אויף א ראש ישיבה, אויף א תלמיד חכם, און מ׳מאכט זיך נישט וויסנדיג – קומט ארויס א ווארעם פונעם אויער. ער האט פארשטאנען אז די שטראף איז תיכף ומיד עפעס אויף די אויערן, און פון דעם האט ער געציטערט.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד שלח כה סיון תשפה**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**סיכום: לעבן מיט אמונה און זיך מבטל זיין צום באשעפער**

הייליגע, ליכטיגע אידישע קינדער, די אמונה אינעם אייבערשטן, די אמונה אין די חכמים, די אמונה אין די תורה, די אמונה אין חז״ל, די אמונה אין די ספרי מוסר וחסידות – די אמונה פשוטה דארפן מיר האבן. מיר דארפן לעבן מיט אמונה, לעבן מיט׳ן אייבערשטן, לעבן מיט אמונת צדיקים, גלייבן אין יעדע מאמר חז״ל, גלייבן אין יעדע ווארט מוסר וחסידות, גלייבן אין די מנהגי ישראל און די מסורה פון כלל ישראל; גלייבן אין דעם, זיך קאכן אין דעם, און לעבן מיט דעם.

גלייבן אז ווען מ׳לעבט מיט׳ן אייבערשטן און מ׳נוצט נאר די אברים צו טון א נחת רוח פאר׳ן באשעפער, מ׳איז זיך מבטל אונזערע מחשבה, דיבור ומעשה, נפש, רוח, נשמה, חיה און יחידה, אלעס פאר׳ן רצון השם – דעמאלט זענען מיר געזונט און שטארק, און דעמאלט האבן מיר אלע רפואות און אלע ישועות.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, חזקו ואמצו, חזק ויאמץ לבבכם כל המיחלים לה׳. דער אייבערשטער זאל העלפן מ׳זאל זוכה זיין צו זיין דבוק אינעם אייבערשטן מיט אמונה פשוטה, אמונה בה׳ ובמשה עבדו, אין צדיקים, אין תורה, און אין מוסר וחסידות בדרך ישראל סבא. דער אייבערשטער זאל אונז אלע פירן אויף די ריכטיגע וועגן, כל טוב סלה, און א לעכטיגן תמיד אכי״ר